# געוואַלד!!!

# מען עסט טריפה

## אַלס כשר!

## דער ראש בית דין אויפ׳ן עולם האמת...

### אן אקטועלער פעליעטאָן — און אויב איר ווילט, איז עס ניט קיין חלום...

פון **שמעון ארי׳ שוואַרץ** / לאָס אַנדזשעלעס

געשטאָרבן פלוצים ר׳ פייוועל ראש בית דין, מיט׳ן שיינעם "קלויסטער פנים" ("קלסתר פנים"), גלאַנציגער מאהאגאני באָרד און הויכער, סאַמעטענער יאַרמולקע...

געשען איז עס באַלד אין דער פרי ביים פרישטיק. ר׳ פייוועל האָט גראַדע אָנגענומען אַ פול מויל פיינקוכען מיט געפּרעגעלטע ציבעלע (ער האָט "סטראַשנע" ליב געהאַט געפּרעגעלטע ציבעלע), ווען די האַרץ אַטאַקע איז געקומען. און איידער די רביצין האָט באַוויזן צו אַלאַרמירן די שכנים און ברענגען אַ דאָקטאָר — איז דער ראש בית דין שוין געלעגן אַ גלייכגילטיקער אין אָנטועכץ אויפ׳ן בעט, די יאַרמולקע פאַררוקט אין אַ זייט, אַ שטיק געפּרעגעלטע ציבעלע צווישן די בלאָע ליפּען — גאַנץ טויט.

די נייעס פון זיין פטירה האָט זיך צוטראָגן אויף פליגלען אין שטאָט, און פאַרנאַכט זענען זיך צוזאַמענגעקומען די רבנים-הגאונים און רביים אין נפטר׳ס שול אויסצודריקן זייער "צער" און מספיד זיין די "אבידה שאינה חוזרת". דאָס זענען געווען די זעלבע לייט וואָס האָבן אים ביים לעבן באַרעדט און אויסגערעדט אויף אים "כל דבר אסור". איצט זענען זיי אַלע געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע טרויעריקע פּנימער, גרייט צו באַווייזן מיט אַ פסוק, אַ גמרא, אַ מדרש, אַז זיין פטירה איז גלייך צו חורבן בית המקדש, אַז דער כלל ישראל מיט זיינע עוונות איז שולדיק אין זיין פטירה, און אַז מיר אַלע זיינען נעבעך געבליבן ווּיסטע יתומים...

אויבן-אָן איז געשטאַנען דער דעמבענער "ארון" מיט די הילצערנע פלעקלעך אַנשטאָט נעגל. אַ שוואַרצער, קורצער רעקטוך האָט אים צוגעדעקט, מיט אַן אויסגענייטן מגן דוד אין איין זייט, צו באַצייכענען דעם פלאַץ פון נפטר׳ס "ראש". עטלעכע מאָל האָט אימעצער אויסגערופן, אַז "דער וואָס איז ניט געווען אין מקוה זאָל ניט צוגיין צום ארון".

איינער נאָכן אַנדערן זענען די רבנים-מספידים צוגעגאַנגען צום עמוד׳ל נעבן נפטר און מיט אַ ניגון פון "איכה" אויסגערעכנט זיינע מעלות און מידות טובות. דאָס איז געווען אַ גאָלדענע געלעגנהייט אויסצופּאַקן הספדים פון די דרשה-ספרים, וואָס זענען שוין לאַנג געלעגן אין זייער מאָגען... האָט קיינער פון זיי ניט געוואָלט מוותר זיין אויף אַזאַ "מציאה"... די הויפּט-מעלה פון נפטר, האָבן די רעדנער הויך באַטאָנט, איז געווען זיין תורה, וואָס ער אַליין האָט געלערנט און אויך געלערנט מיט אַנדערע. זיינער אַ שיעור האָט דאָך "געלויכטן" מיט פלפול, חריפות און בקיאות — כאחד הגאונים... ווייטער איז באַטאָנט געוואָרן — אָבער שוין ניט אַזוי הויך — זיין צדקות און ענוות, וואָס איז גלייך געווען צו די צדיקי הדור פון "יוראָפּ". "צדיק נתפס בעוון הדור" — האָבן זיי געקלאָגט. "חבל על דאבדין ולא משתכחין"... "זאָל ער זיין אַ מליץ יושר פאַר כלל ישראל"... "ובלע המות לנצח" — האָבן זיי אויסגעפירט.

די הספדים האָבן זיך פאַרצויגן, און דער נפטר האָט ניט געהאַט קיין כח זיי אָפּצושטעלן... אָבער אין באַוואוסטזיין פון מת איז געהאַנגען אַ פראַגע: "ווען וועלן זיי אויפהערן צו נודיען"? "ווען וועלן זיי אָפּשטעלן דעם שטראָם פון "הייסע" טרוקענע טרערן"?

ענדליך האָט דער נפטר דערהערט דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון פאַלענדיקע שטיקער ערד אויפ׳ן ארון. "אַהאַ, ענדליך דער סתימת הגולל" — האָט דער מת אָפּגעזיפצט מיט פאַרלייכטערונג. אָבער תוך כדי דבור האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ זעץ אויפ׳ן ארון און עס האָט זיך דערהערט אַן אומהיימליך געשריי: "דער מלאך דומה איז דאָ"!

— "מה שמך"?

— "פייוויש בן יאָקיש".

— "פייוויש בן יאָקיש, דער בית דין של מעלה רופט דיך"!

אַ געשפּענטיק-טונקל געשטאַלט האָט אַרויסגעלאָזט אַ גריל-צעדיק שניידיק געלעכטער, וואָס האָט פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן... ר׳ פייוויש האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי ער ווערט געטראָגן אין דער לופט מיט אַ קאָפּ-שווינדלערישע שנעלקייט. פלוצים האָט אַ בליאַסק געטאָן פאַר זיינע אויגן אַ פאַרבלענדענדע ווייסקייט, אַן "אור הגנוז", און ער האָט זיך דערזען אין אַ ריזן גרויסן היכל פאַר׳ן בית דין של מעלה...

ביי אַ גרויסן, געדעקטן, רונדיקן טיש זענען געזעסן אַ צאָל זקנים מיט איידעלע, שיינענדיקע פּנימער און שטרענגע, דורכדרינגענדיקע אויגן. אַרום זענען געשטאַנען אַ גרופּע מלאכים, גוטע און בייזע. אין דער לופט איז געהאַנגען די געשפּאַנטקייט פון "עולם האמת"... ר׳ פייוויש האָט אַ דערשראָקענער זיך דערנענטערט צום טיש. פלוצים האָט ער דאָרט דערזען זיין רבי׳ן, דעם ראש ישיבה, און ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט... באַלד אָבער האָט אימעצער אַריינגעבראַכט אַ גראָבן "ספר הזכרון" אַרויסצולייענען פון דאָרט די לעבנס געשיכטע פון "ראש בית דין". אַ סקרוך איז ר׳ פייווישן דורכגעגאַנגען איבער׳ן לייב... קודם כל האָט דער מלאך קטיגור אויסגערעכנט ר׳ פייוויש׳ס "חטאות נעורים" פון דער אַלטער היים, וואָס ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן... דאָס פּנים זיינס האָט געפלאַמט פון בושה, און ער האָט עס געזוכט צו באַהאַלטן... ווען דער מלאך איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער "הקדמה" פון זיין לעבן, האָט מען אויפגעמישט דאָס סאַמע "געדיכטע", פּיקאַנטע, קאַפּיטל פון זיין רבנות אין אַמעריקע. לויט׳ן רעקאָרד איז ר׳ פייוויש געווען אַ "רב המכשיר" און "מתיר אסורים"

געוואַלד!!!

# געוואַלד!!!

# מען עסט טריפה

## אַלס כשר!

אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. דער עיקר אָבער האָט ער זיך פאַרנומען מיט כשרות אין די שלאַכטהייזער און בוטשער שאַפּס. אונטער זיין "השגחה" איז אומעטום אַריינגעקומען די "ברכה"... עס האָט געקענט, למשל, פאַסירן אין זיינע שלאַכטהייזער, אַז אַן אָקס זאָל האָבן פיר צונגען, לויט'ן כלל "קי (כי) משמש בד' לשונות"... אָדער גאָר 5 לעבערס... צוריקגערעדט, וואָס ווייסט אַ נאַרישער אָקס? מ'הייסט אים געבן אַ סאַך צונגען און לעבערס — גיט ער... אָבער אפילו נאָרמאַלערהייט האָבן זיינע שלאַכטהייזער און בוטשערס הנאה געהאַט פון אים. זיינע שוחטים זענען געווען "גוטע באָיעס", וואָס האָבן געוואוסט וואָס מען וויל פון זיי... דער עיקר אָבער האָבן זיי געקענט אַריינלייגן זייער האַנט אויף "בדיקה". אָפּרייסן אַלע סירכות און אַנאָנסירן "גלאַט כשר"... אין דורכשניט זענען 70 — 80 פּראָצענט בהמות "כשר" געוואָרן ביי זיי, און אויב נייטיק אויך "גלאַט". אויב ווידער אַ שוחט איז געווען אַ "בטלן" און ניט געקענט אַרויסגעבן דעם מינימום 70 פּראָצענט, האָט אים ר' פייוויש אָן צערעמאָניעס משלח געווען און פאַרביטן מיט אַן אַנדערן. קאַנדידאַטן האָבן קיינמאָל ניט געפעלט. די בעסטע קאַנדידאַטן פאַר שוחטים אין אַמעריקע זענען קודם כל געווען די "כלי קודש" פון "יוראָפּ", ווי חזנים, דרדקי מלמדים, "באַהעלפער", שמשים, א.ד.גל. די דאָזיקע אידן זענען געקומען פון די לאַגערן אָן אַ פאַך מיט ווייניק פאַרמעגן און נאָך ווייניקער יראת שמים אָדער פּרינציפּן... פאַר אַ פּאָר דאָלאַר האָבן זיי לייכט געפונען אַ שוחט אַן עם הארץ, אַ "קל", וואָס האָט זיי "על רגל אחת" אויסגעלערנט דאָס "פאַך" פון שניידן אָקסישע העלדזער, און מער האָבן זיי ניט געדאַרפט און ניט געוואוסט... אַזוי אַרום זענען זיי "מוכשר" געוואָרן און גרייט געווען צו טאָן אַלץ וואָס די שלאַכטהייזער און די בוטשערס האָבן פאַרלאַנגט. אָפט האָט אויך פּאַסירט, אַז די סעילסלייט אין די שלאַכטהייזער האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט "כשר" זיגלען, אין זייערע קעשענעס און "צוגעהאָלפן" די שוחטים אין זייער אַרבעט דורך אָפּסטעמפּלען די דערשלאָגענע בהמות, זייערע צונגען און לעבערס...

דער מלאך קטיגור האָט געענדיקט לייענען דעם לאַנגן רעקאָרד און געפרעגט ר' פייווישן וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דעם.

"הוילע פאַנטאַזיע, אויסגעטראַכט פון מיינע שונאים, די ניט פאַרגינער"! — האָט ר' פייוויש קאַטעגאָריש געענטפערט.

"אויב אַזוי" — האָט דער ראש בית דין אַ געשריי געטאָן — "זאָלן קומען די עדות"! ביי דעם האָט ער אַ צי געטאָן אַ שנור און עס האָט זיך געעפנט אַ גרויסער פאָרהאַנג. פאַר זיינע אויגן האָט זיך פלוצים אַנטפּלעקט אַ שוידערליכע, מאַקאַברישע סצענע: ווי ווייט ר' פייוויש'ס אויגן האָבן דערגרייכט האָט ער געזען מחנות פון טויזנטער אָקסן אין ווילדן געלויף. די העלדזער ביי זיי דורכגעשניטן, האָבן געשטראָמט מיט הייסן, פרישן, בלוט... זייערע ווייטע, בייזע, אויגן האָבן געברענט פון כעס... די אַלע מחנות האָבן געצילט צו איין פּונקט — דעם ראש בית דין... אַ ווייל'ע איז ר' פייוויש געשטאַנען אַ פאַרכישופטער, פאַרשטיינערט. מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון פלאַץ און צוגעלאָפן צום בית דין טיש: "ראַטעוועט, רבי"! — "ביסטו מודה, פייוויש, אין אַלע דיינע חטאים"? — האָט אים זיין רבי געפרעגט. — "יאָ, רבי, רק הסר ממני את המות הזה"! דער זקן האָט אַ פייר געטאָן זיין האַנט אין דער לופט, און די גאַנצע שרעקלעכע סצענע איז מאָמענטאַל פאַרשוואונדן. — "און איצט, מיין תלמיד, דערצייל ווי אַזוי דו ביסט געוואָרן אַ חוטא ומחטיא את הרבים" — האָט אים זיין ראש ישיבה געזאָגט. — "בעצם, מורי ורבי. בין איך ניט שולדיק. נאָר די אומשטענדן, פגעי הזמן". — האָט אים ר' פייוויש געענטפערט. "מיט תורה אַליין קאָן מען אין אַמעריקע קיין פּרנסה ניט מאַכן. אין דער גאַנצער מדינה זענען קוים פאַראַן עטלעכע רבנישע שטעלעס באַזעצט פון תלמידי חכמים, אָן ענגליש. דער המון־עם בעפאָרצוגט אַ "רב" אַן עם הארץ מיט אַ גוטן ענגלישן אַקצענט צו אַ בן תורה. אָבער פון "מאָגן-אידישקייט" האַלטן זיי גראַדע יאָ. זיי פאַסמאַקעווען זיך מיט גרויס הנאה מיט די פאָרשידענע פליישׁ פּראָדוקטן אַזוי לאַנג ווי ס'איז דאָ דערויף אַ "הכשר". מעג עד זיין אַ געבלאָפטער. איז דעריבער די כשרות אינדוסטריע אַ מיליאָנערסקע ביזנעס און די "רבנים מכשירים" לעקן דערפון אָפּ אַ פעטן, כאָטש ניט כשרין, ביינדל..." — "דו פושע, עוכר ישראל"! — האָט דער זקן געשריען. "צוליב פּרנסה און באַקוועמליכקייט האָסטו מאכיל געווען נבלות וטרפות צו אַ וועלט אַ גאַנצע, אפילו צו בני הישיבה, און פאַרוואַנדלט טויזנטער אידישע היימען אין טריפה'נע, טומאה'דיקע פּרעסאָרניעס, וואָס זענען מטמטם את הלב והמוח..." "גיהנום כלה ואתה אינך כלה"! — "אָבער, טייערער רבי, פאַרוואָס וואַרפט איר די גאַנצע שולד אויף מיר? וואו זענען מיינע שוחטים, וואָס האָבן מוציא טריפה געווען מתחת ידם? און מיין בית דין?" — "זיער, דיינע שוחטים? די וואָס האָבן ניט געוואוסט וואָס איז אַ "סירכא כסדרן", אַ "תרתי לריעותא", אַ מורנא נוקבת מחיים (שווייבער) אין סעזאָן, און אפילו ניט געקאָנט געהעריג שטעלן אַ חלף, אָדער אָפטמאָל ניט געקאָנט אויסרעכענען די חמשה הלכות שחיטה? דו האָסט דאָך בכוונה אויסגעקליבן די דאָזיקע אומפאַראַנטוואָרטליכע "שאינו יודע לשאול'ס" כדי זיי זאָלן ניט וויסן אין שחיטה בין ימינם לשמאלם. ווידער דיין "בית דין חצוף" פון קלים און לצים האָסטו דאָך געצאָלט פאַר זיין אַ "שר המסכים", גוטע באָיעס"? — "יאָ, רבי, אָבער 'דברי הרב ודברי התלמיד דברי מי שומעים'"? — "געוויס וועלן זיי ניט אויסמיידן זייער עונש פאַר זייער חלק אין מכשיל זיין את הרבים... אָבער איצט האַלט מען ביי דיר".

דאָס אויפגערעגטע מעקען פון טויזנטער אָקסן, וואָס האָבן זיך געריסן אַריינצוקומען אין היכל פון בית דין של מעלה דורס צו זיין ר' פייווישן האָט אים געמאַכט שווידערן... "נאָך איין טענה, מורי ורבי, האָב איך: איך האָב געלערנט ביי אייך אַז "רוב בהמות כשרות" — דאַרף איך ניט געשטראָפט ווערן פאַר אַלע "כשרע" אונטער מיין השגחה"... — "חי גאַלגאַן, דו לץ — האָט דער ראש ישיבה זיך צושריען — ווייסטו דען ניט, אַז ס'איז נשתנה הטבע געוואָרן פון זמן הגמרא, און היינט איז ניטאָ מער קיין "רוב בהמות כשרות". און אַוודאי קאָן מען ניט אָנווענדן דעם כלל ווען די בהמה איז ניט נשחטה כראוי, וואָרום דעמאָלט בלייבט די בהמה בחזקת איסור"...

אַ שטילקייט איז אַנטשטאַנען אין היכל בית דין. נאָך אַ קורצע באַראַטונג איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פּסק דין: "פייוויש בן יאָקיש, דיין עונש פאַרן מאכיל טריפות זיין איז מגולגל צו ווערן אין אַ כלב. דער חטא הרבים וועט דיר אייביק באַגלייטן און ניט לאָזן דיר תשובה טאָן. אַזוי אַרום וועסטו קיין תקומה ניט האָבן לעלם ולעלמי עלמיא"....

די מלאכי חבלה האָבן זיך הויך און גרילציק צולאַכט. זיי האָבן פלוצים אַ כאַפּ געטאָן ר' פייווישן און ערגעץ מיט אים פאַרשוואונדן...

געוואַלד!!!